ריתנדער אינטערוויו מיט **האברך החשוב ר' חיים יצחק בן חנה רבקה לעפקאוויטש לרפו"ש** פון בית שמש, א **יונגערמאן פון 21 יאר** אלט וואס אטעמט פיר און צוואנציג שעה א **ריינע ליכטיגע אמונה** טראץ דער ביטערער מחלה ה"י וואס האט אים באטראפן | **"איך האב באשלאסן צו נוצן די ביטערע מחלה צו שטייגן!"**

**משה יאקאב, ארץ ישראל**

בילדער: יעקב לעדערמאן

# לְחַיִּים וְלֹא לַמָּוֶת

**"איך וואוין אין בית שמש, אבער אויב דו ווילסט מיר דוקא אינטערוויוען אין די יעצטיגע טעג, קענסטו אריבערקומען אין שפיטאל מיטוואך אינדערפרי ווען איך באקום די כימא טעראפי און דארט וועל איך קענען שמועסן מיט דיר". דאס איז געווען דער פארשלאג וואס דער איש האמונה הרב חיים יצחק לעפקאוויטש שליט"א פון בית שמש, האט מיר געגעבן איידער מיר האבן אפגעהאלטן אונזער רייכער שמועס.**

**א סקרוך איז מיר דורכגעלאפן אין אלע ביינער. עס האט מיר גענומען צייט צו פארדייען בלויז די איינלאדענונג, און כאפן אז דער איד מיט וועמען איך רעד איז אנגעשטאפט מיט אמונה פון קאפ ביז פיס, און יעדע זאך וואס ער גייט דורך איז ביי אים אזוי פשוט. כימא טעראפי, ווי אלע זאכן אין לעבן, איז עפעס וואס קומט פונעם באשעפער, און ער איז אלעס מקבל באהבה.**





ווען דער שמועס איז פאקטיש פארגעקומען א ווײַלע שפעטער, נישט אין שפיטאל נאר אין געוויינליכע אומשטענדן, האט זיך אלעס געשפירט אנדערש און העכער. מיינע שאלות זענען געפרעגט געווארן מיט הכנעה, און מיינע אויערן האבן געהארכט יעדעס ווארט מיט אזא צמאון, אז איך האב פשוט געוואלט אנכאפן און אוועקלייגן די הייליגע מינוטן ווען איך האב גערעדט מיט דעם איד.

ר' חיים יצחק איז נישט קיין אלטער מענטש וואס טראגט זיך ארום מיט צענדליגער יארן פון הארעוואניע, ער איז בסך הכל א יונגערמאן פון איין און צוואנציג יאר אלט, וואס האלט אונטער צוויי יאר פון דער חתונה. ער איז טאקע א ברסלבער חסיד, אבער ער איז סך הכל אין ברסלב פאר פיר יאר, און דאך הערט זיך זיין אמונה'דיגער בטחון'דיגער שלוות'דיגער מהלך פון רעדן, ווי א איד פון אכט און אכציג יאר אלט...

אפשר איז ר' חיים יצחק טאקע א יונגערמאן, אבער זיין התחזקות איז אן אלטער אויסגעפרואווטער מיטל, א מיטל וואס עס האט ארויסגעגעבן דער צדיק נשגב הרה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע, וואס האט דערמיט איבערגעלאזט א פייערל וואס טליעט און ברענט ביזן היינטיגן טאג, אז עס זיצט א איד אין בית שמש און איז זיך מחזק לאורו הגדול און שווימט דערמיט דורך זיינע שוועריקייטן.

## ואלה תולדות יצחק

ר' חיים יצחק לעפקאוויטש איז געבוירן געווארן אין ירושלים עיה"ק, וואו ער איז אויפגעוואקסן אין די גורער מוסדות התורה אין ירושלים, און שפעטער האט ער געלערנט אין דער גורער ישיבה גדולה אין בני ברק. ר' חיים יצחק איז אן אייניקל פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, דורך דער טאכטער שרה ע"ה, און דאס האט אים עווענטועל שפעטער געפירט צו ווערן א פייערדיגער ברסלבער חסיד.

ווען ר' חיים יצחק האט געלערנט אין איינער פון די ישיבות, איז געווען אין נעגנט א ברסלבער שטיבל וואו בחורים פלעגן זיצן און לערנען דארט די לימודים בין הסדרים. אויך ר' חיים יצחק האט דארט געלערנט בחברותא מיט זיין חבר פון ישיבה. דורכאויס יענער תקופה האבן אים די ברסלבער חסידים אינעם שטיבל כסדר געפרעגט, 'דו ביסט דאך אן אייניקל פון רבי נחמן און דו דארפסט דאך זיין א ברסלבער'..., אבער ער האט כסדר געטראפן תירוצים פארוואס ער איז נישט קיין ברסלבער.

דאס אלעס האט זיך געטוישט אין יענער נאכט, ווען א חבר האט אים גענומען צו א יארצייט סעודה פונעם הייליגן רבי'ן פון ברסלב, חול המועד סוכות ח"י תשרי, וואו הגאון החסיד רבי ישראל מאיר ברענער שליט"א, מחשובי משפיעי ברסלב, האט אויפגעטראטן מיט א פייערדיגער דרשה.

"איך האב געשפירט אז ער רעדט צו מיין הארץ", זאגט ר' חיים יצחק אפנהארציג רעדנדיג איבער דער דרשה יענעם חול המועד, "עס האט אבער נאכנישט געמאכט אז איך זאל ווערן א ברסלבער. אזויפיל יא, אז איך האב אנגעהויבן גיין צו זיין שלש סעודות תורה יעדע וואך. די שלש סעודות תורות פון מורי ורבי רבי ישראל מאיר שליט"א האט מיר געהאלטן די גאנצע וואך.

"שפעטער איז אנגעקומען די תקופה פון קאראנא, און ביי מיין חסידות איז אלעס געווען פארשפארט. אין ברסלב איז אבער אלעס געווען אפן, און איך האב אנגעהויבן זיך צו דרייען מער און מער דארט. אין יענער תקופה האב איך אנגעהויבן אריינצוגיין מער אין התבודדות, און אזוי געווארן נענטער צום דרך פון ברסלב.

"אבער איך בין נאכנישט געווען קיין ברסלבער... אינצווישן איז אנגעקומען די תקופה פון שידוכים, און מיינע עלטערן האבן מיר געזאגט: 'חיים יצחק, דו דארפסט אפמאכן וואס דו ביסט...', האב איך זיי געזאגט, 'איך בין א ברסלבער!'.

"'אבער וואס וועט זיין מיט א שידוך? מיין תשובה איז געווען קלאר, אז א שידוך איז פון הימל.

"אזוי בין איך געווארן מער און מער נאנט צו ברסלב, און אויף ראש השנה בין איך געפארן קיין מירון, ווייבאלד עס איז געווען אין דעם יאר ווען אומאן איז געווען פארשפארט. דעם נאכפאלגנדן שבת חנוכה בין איך צום ערשטן מאל אנגעקומען קיין אומאן. אינטערעסאנט איז, אז א יאר דערויף שבת חנוכה איז געווען מיין שבת אויפרוף.

## יסורים און רוקן ווייטאג

איך האב חתונה געהאט מיט א יאר און ניין מאנאטן צוריק. אביסל נאך דער חתונה האט מיר אנגעהויבן וויי טון דעם רוקן, איך האב אבער נישט אויפגעפאסט אז עס איז עפעס אויפפאלנד, דער ווייטאג



ביי אונזער שמועס מיט האברך
החשוב ר' חיים יצחק בן חנה
רבקה לעפקאוויטש
לרפואה שלימה



**ר' חיים יצחק איז נישט קיין אלטער מענטש וואס טראגט זיך ארום מיט צענדליגער יארן פון הארעוואניע, ער איז בסך הכל א יונגערמאן פון איין און צוואנציג יאר אלט, וואס האלט אונטער צוויי יאר פון דער חתונה**

האט אנגעהאלטן בערך א וואך צייט און עס איז אריבער.

היי-יאר נאך ראש השנה, ווען איך בין צוריקגעקומען פון אומאן, האט זיך ווידער באנייט דער רוקן ווייטאג. דאסמאל בין איך געגאנגען צו א מאסאדזש-עקספערט וואס האט געארבעט אויף מיין פלייצע, און ב"ה אז זאכן האבן זיך צוריקגעשטעלט אין פלאץ.

נאך חנוכה, האט זיך פונדאסניי אנגעהויבן רוקן ווייטאג, און דאסמאל האט דאס דער אויבערשטער געשיקט מיט שטערקערע יסורים, און צוליב דעם האב איך אנגעהויבן זוכן מיטלען צו לינדערן די שמערצן. ערשט האב איך געמאכט כיראפראקט, א באהאנדלונג וואס פארבעסערט די שדרה ביינער און העלפט זיך בעסער באוועגן.

דערנאך האבן זיך אנגעהויבן די מיינונגען פון די עקספערטן, איינער האט גע'טענה'ט אז איך האב נישט גענוג וויטאמין די און וויטאמין בי, אנדערע האבן גע'טענה'ט אנדערע זאכן.

עווענטועל האב איך זיך געטראפן ביי א דאקטער, וועלכער האט מיר געמאכט א "רענטגען" (עקסרעי) טעסט. די רעזולטאטן האבן געצייגט אז דער ווייעדיגער ביין אין רוקן איז אביסל קרום רח"ל.

די קומענדיגע סטאנציע איז דעריבער געווען ביי אן ארטאפעד. דער ארטאפעד האט געהאלטן אז מיין בלוט צירקל אין קערפער איז נישט מסודר, דעריבער איז די איינציגסטע עצה צו מאכן פיזיאטעראפיע, וואס אזוי וועט דאס בלוט בעסער פליסן און עס וועט מיר אויפהערן וויי צו טון. די פיזיאטעראפיע האט מיר למעשה געמאכט יסורים נוראים אין רוקן, איך האב נישט געקענט זיצן, ליגן, שטיין, גיין, און זיך שווער באוואויגן. איך בין פארשטייט זיך געווארן גוט אפגעשוואכט פון די פיזיאטעראפיע, אין יענער תקופה האב איך אויך אנגעהויבן עסן ווייניגער און שלאפן ווייניגער.

למעשה האט די פיזיאטעראפיע געווירקט אויף פארקערט, ווייל פון אזויפיל זיך איבערשטרענגען, איז מיין קערפער געווארן בלויז מער אפגעשוואכט, אזש איך האב אפילו באקומען א בראך אין די ביינער אין רוקן. מה' יצא הדבר, די מענטשן האבן מיר געוואלט בלויז העלפן, נישט ח"ו שעדיגן.

דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח תשפ"ג בין איך געווען ביי מיינע עלטערן אויף יום טוב, און מיין מאמע האט זיך אנגערופן, "חיים יצחק, דו ביסט נישט דער זעלבער מענטש ווי אמאל, עס איז נישט דו! דו קוקסט אויס זייער בלאס".

דאן האט זי געזאגט: "דו האסט קיינמאל נישט געלייקנט אין מידת ההשתדלות. ביסט געגאנגען צו דאקטוירים, האסט געטון וואס דו האסט געקענט, אבער איך שפיר אז יעצט דארף מען גיין אין שפיטאל צום עמערדזשענסי צימער דיר אונטערזוכן, הלוואי איז עס סך הכל א פראבלעם פון וויטאמינען אדער נערונג, אבער בכל אופן דארף מען גיין צום שפיטאל".

מען האט אפגעשמועסט א צייט ווען אריבערצוגיין, און זונטאג חול המועד האט מען מיר געמאכט א 'סי-טי' טעסט אין שפיטאל.

נאכן סי-טי האט דער דאקטער פארלאנגט פון אונז דריי: מיר, מיין אשת חיל און מיין מאמע, צו קומען אין א שטילן צימער. ער האט צוגעמאכט דעם פארהאנג אינעם צימער, און געזאגט אז שוין אינעם ערשטן טעסט האט ער געזעהן "געוויסע זאכן" אין מיין קערפער...

דאן האט ער אנגעהויבן ווארפן זאצן וואס איך האב בכלל נישט געכאפט אז עס האט צו טון מיט מיר. איך האב נישט גע'חלומ'ט א סעקונדע פארדעם אז מען רעדט דא פון יענער מעשה רחמנא ליצלן, און דא הייבט ער אן צו ווארפן ווערטער וואס קלינגען עפעס מאדנע און פרעמד...

איך שטיי אזוי אין שפיטאל, ווען אין קאפ שווימט מיר ארויף א כלל וואס באגלייט מיר שוין פאר לאנגע יארן, נעמליך, אז מיר מענטשעלעך זענען בסך הכל א חלק פון א "פופעט" שפיל. ביי א פופעט פארשטעלונג זעט אלעס אויס אזוי עכט, א מענטשעלע שרייט, א מענטשעלע וויינט, דער אנדערער רעגט זיך און א פערטער לויפט אוועק, אבער שטילערהייט באהאלט זיך אונטערן וואנט א פיזישער מענטש וואס האלט די פופעטן אין זיינע הענט, און ברצותו טוט ער מיט די פופעט מענטשעלעך וואס ער וויל. אויך אין אונזער וועלט קוקט אויס ווי דער האט געשלאגן, דער האט געפראסקעט, דער האט געשריגן און דער האט געענטפערט, אבער בסך הכל זענען מיר פופעטן.

מיינע מחשבות זענען ווייטער געלאפן און איך האב געקלערט: 'דער דאקטער זאגט עפעס, און איך ווער איבערגענומען, דאס איז דאך סך הכל א שפיל!!!'

פאר א דאקטער פאסט נישט צו זאגן אז ער איז א פופעט... אבער איך האב אים יא געזאגט אזוי: "הער זיך איין חשובער

דאקטער, מיר דא אין צימער זענען אלע פופעטן, און דער אויבערשטער טוט מיט אונז וואס ער פארשטייט אז עס איז גוט פאר אונז".

דאך בין איך א מענטש, און איך בין געווען היפש צעשטורעמט, האב איך געבעטן דעם דאקטער רשות ארויסצוגיין אביסל זיך אפרוען און כאפן די כוחות. איך בין אראפ מיט מיין ווייב אין א גארטן אינדרויסן פון שפיטאל, און איך האב געבעטן צום באשעפער: "רבונו של עולם, איך בעט דיר איין זאך בכל לשון של בקשה, אז דו זאלסט געבן כוחות פאר מיין פרוי זיך צו האלטן!".

פרויען האבן בדרך כלל ווייניגער כוח צו דערהייבן, און איך האב געשפירט אז דאס דארף איך יעצט בעטן. זי האט מיר געזאגט, "דער פראבלעם איז ביי דיר, און דו דארפסט מתפלל זיין אויף זיך. איך בין טאקע א חלק פון דעם פראבלעם, אבער דער צענטראלער פראבלעם איז ביי דיר", איך האב אבער געשפירט אז דער רבונו של עולם האט מיר געגעבן אסאך כוחות דורכצוגיין דאס וואס איך גיי דא אריבער.

דאן האב איך געזאגט, "לאמיר זיך נישט פארהוילן פון דעם מציאות, לאמיר וויינען, מען מעג וויינען ווען מען באקומט א בשורה אויף וואס איך האב נישט אנגעהויבן צו חלומ'ען דערוועגן". איך האב נאכנישט געזאגט פאר מיין פרוי אז 'אלעס איז לטובה', ווייל יעצט איז נישט די צייט פאר חיזוק, מען דארף קודם וויינען. א מענטש דארף קוקן אויף זיין ווייטאג און געבן פלאץ פאר דעם ווייטאג, מען מעג און מען דארף וויינען. מען טאר זיך נישט פארהוילן פון דעם ווייטאג.

נאר נאכדעם וואס מען וויינט און מען רעכנט זיך מיט דעם ווייטאג, קען מען אנהייבן טראכטן וויאזוי מען גייט זיך פארמעסטן און באגיין מיט דער 'מתנה' וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן.

ווען מיר האבן געשפירט רואיגער, האב איך זיך אנגעהויבן שטארקן מיט אמונה און בטחון, און איך האב זיך געטראפן זאגן פארן רבונו של עולם, "איך האף אז אלעס גייט זיין גוט".

## א טעסט מיט א טעסט און נאך א טעסט

צוריקקומענדיג אין צימער, האט דער דאקטער געזאגט אז איך האב צוויי בראכן אין רוקן און איך מוז דעריבער בלייבן אין שפיטאל פאר א וואך צייט. עס איז נאכנישט געווען קלאר בכלל אז עס איז יענע מעשה, עס איז אלעס געווען בלויז חשדות, און דעריבער האט מען אין לויף פון די טעג – חול המועד פסח – מיר געמאכט א ביאפסי טעסט, וואס דאס איז צו נעמען א סעמפל פון די געפינסן זעלבסט און עס איבערקוקן.

ברוך ה' אז אויף שביעי של פסח האט מען מיר געפירט צו אן אנדערער אפטיילונג, און דארט האב איך געהאט א ווארעמער חסידישער מנין אויף די יום טוב'דיגע תפילות, בעלזער חסידים און משמשים בקודש, וואס האבן זיך דארט געפינען צו באדינען דעם בעלזער




המשפיע הגאון החסיד רבי ישראל מאיר ברענער שליט"א

**"איך האב געשפירט אז ער רעדט צו מיין הארץ", זאגט ר' חיים יצחק אפנהארציג רעדנדיג איבער דער דרשה יענעם חול המועד**

רב שליט״א וואס האט דעמאלט דארט געוויילט.

דער רב האט געוואלט אז די אייניקלעך זאלן זיין נעבן אים אויף יום טוב, און אזוי האבן מיר געהאט גאר ווארעמע תפילות ב״ה, און בכלל איז געווען א געשמאק זיך צו געפינען בצוותא חדא מיט אזעלכע ווארעמע חסידישע אידן.

איך האב אויך זוכה געווען אריינצוגיין אל הקודש פנימה צום רבי׳ן און נעמען א ברכה פון אים. איך האב געזאגט פארן רבי׳ן אז גאנץ כלל ישראל איז מתפלל פארן רבי׳ן, און אזוי געהאט די געוואלדיגע זכיה צו זיין בצלו.

איך מוז דא אונטערשטרייכן וואספארא חיזוק עס איז געווען ווען אזויפיל חברים האבן מיר געקלינגען און זיך נאכגעפרעגט אויף מיין מצב, עס האט מיר ממש געראטעוועט.

פרייטאג, א טאג נאך אסרו חג פסח, האט מיר דער דאקטער באפרייט. איך בין געווען זייער אפגעשוואכט, אזש אז איך האב זיך קוים געקענט רירן פון יסורים.

איידער איך בין ארויס פון שפיטאל, האב איך געפרעגט דעם דאקטער אז היות דעם קומענדיגן זונטאג, צוויי טעג דערויף, האב איך א געפלאנטן טיקעט ארויסצופארן צום רבי׳ן קיין אומאן אינאיינעם מיט מיין פרוי, וויל איך וויסן אויב איך מעג זיך אונטערנעמען אזא נסיעה. דער דאקטער האט מיר ערלויבט צו פליען, און צוגעלייגט אז איך זאל זיך נישט איבערשטרענגען צוליב די יסורים אין רוקן. אלע ארומיגע זענען געווען שאקירט פון דער ערלויבעניש.

דא האט זיך אנגעהויבן א פרשה מיט אינשורענס, איך האב געוואלט מאכן רייזע העלט אינשורענס, אבער קיין שום פירמע האט מיר נישט געוואלט געבן קיין אינשורענס אין אזא מצב. מיינע עלטערן האבן מיר געזאגט אז איך זאל נישט פארן בשום אופן אן קיין העלט אינשורענס, און דא ווערט זונטאג אינדערפרי, איך וויל שוין פארן, אבער אינשורענס איז נישטא. דער רצון ברענט, איך גיי דורך וואס איך גיי דורך, און דערפאר וויל איך פארן צו מיין רבי׳ן, נעמען די עצות פון מיין רבי׳ן, נעמען די רפואות פונעם רבי׳ן און זיך אויסבעטן ביי זיין ציון.

למעשה האט דער אויבערשטער געהאלפן אז מיין ברודער האט באוויזן דורך אסאך שתדלנות צו שאפן גוטע אינשורענס, עס האט טאקע געקאסט אסאך געלט, אבער ב״ה אז מיר האבן זיך געקענט ארויסלאזן אונטערוועגנס.

מיין חשובער שווער שליט״א האט זיך אויך אנגעשלאסן אין אונזער נסיעה, צו קענען זיין נאנט צו מיר אז אלעס זאל זיין כשורה, ווי אויך מיר ארויסצוהעלפן, ווייל אליין האב איך זיך נישט געקענט רירן כמעט. איך דארף טאקע דאנקען דעם רבונו של עולם אז יעצט, בשעת אונז רעדן, קען איך שוין ברוך ה׳ זיך באוועגן, גיין און קומען, חסדי ה׳.

א פערטל שעה איידער איך בין ארויסגעפארן צום לופטפעלד, קלינגט מיר מיין מאמע פרעגן אויב איך האב כח צו פארן, האב איך געענטפערט אז זיכער..., אבער ליידער האב איך אפילו די זאקן זיך נישט געקענט אנטון אליין.

אין אוקראינע זעלבסט איז געווען זייער שווער די נסיעות, ווייל צוליב דער מלחמה מוז מען אריינפארן פון אנדערע לענדער, דעריבער נעמען די וועגן לענגער און די שאסייען זענען אויך זייער שווער, מען טאנצט און מען שפרינגט דעם גאנצן וועג, איך האב געהאט געפערליכע יסורים.

## איך שפיר נישט ׳גוט׳ אדער איך שפיר נישט ׳די גוטס׳

איך וויל דיר זאגן עפעס, מען דארף וויסן אז עס איז דא א מציאות אז א מענטש ״שפירט נישט גוט״, אבער עס איז דא א מציאות פון א מענטש וואס ״שפירט נישט ׳די׳ גוטס״. דו פארשטייסט וואס איך זאג?

א מענטש זאגט איך שפיר נישט גוט, אבער יעדער איינער שפירט גוט! די פראגע איז נאר צו מען שפירט ׳די׳ גוטס...

הכלל, לענגאויס דער נסיעה האב איך געמאכט התבודדות און געזאגט צום רבונו של עולם, ״באשעפער, איין זאך בעט איך דיר, און דאס וועל איך בעטן ביים ציון פונעם הייליגן רבי׳ן, אז איך וויל זיין פרייליך! איך זע מענטשן זענען אזוי דערשראקן פון דער מחלה, אזוי פארלוירן, וואס איך בעט איז איין זאך, איך וויל זיין פרייליך! איך ווייס טאקע נישט וואס עס גייט זיין מיט מיר, אבער איך וויל זיין פרייליך, איך בעט דיר רבונו של עולם, איך בעט דיר אויבערשטער, איך וויל זיין פרייליך״.

ענדליך זענען מיר אנגעקומען קיין אומאן, וואו איך האב זיך געטראפן שטיין ביים ציון פונעם זיידן און געבעטן ביים רבונו של עולם, ״איך וויל זיין בשמחה און איך וויל דורכגיין די גאנצע תקופה אן קיין

עס אי[...]
מציאות אז
א מענטש
״שפירט
נישט גוט״,
אבער עס
איז דא א
מציאות פון
א מענטש
וואס
״שפירט
נישט ׳די׳
גוטס״. דו
פארשטייסט
וואס איך
זאג?



עצבות, איך בעט דיר באשעפער אז מיין פרוי און איך זאלן דאס קענען דורכגיין מיט שמחה און פרייד".

פיר טעג האבן מיר געוויילט אין אומאן, און ברוב רחמיו וחסדיו פונעם רבש"ע איז די נסיעה אריבער בשלום, און מיר זענען צוריק אהיים.

## עס איז די ביטערע מחלה!

אין דעם זעלבן טאג וואס איך בין אנגעקומען אהיים, האט מען ערוואַרטעט די תשובות פון דעם ביאפסי טעסט.

ווען מען האט א חשש אויף א געפינס אז עס איז יענע מעשה, דארף מען וויסן וועלכע סארט עס איז, ווייל אין די מחלה איז נישטא בלויז איין סארט מחלה, עס איז א גאנצע גרופע פון מחלות. עס איז אזיוויי א משפחה... עס האט קרובים... און זייער אסאך מחותנים... השם ירחם. דעריבער דארף מעןווארטן אויף די תשובות פון דעם ביאפסי טעסט, וואו דארט קען מען זען וואס גענוי דער מענטש האט.

עס זענען דא צוויי צענטראַלע קאטעגאריעס אין יענער מעשה, איינס איז ממאיר [malignant], און די אנדערע איז שפיר [Benign], וואס ביי אלע סארטן מחלות קומען אריין די צוויי צענטראלע קאטעגאריעס.

שפיר באדייט אז עס צעשפרייט זיך נישט אזוי שטארק, עס איז קאנצענטרירט דארט וואו עס איז, און מען קען עס מיט אן אפעראציע ארויסנעמען. ממאיר באדייט אז כאטש מען קען מאכן אן אפעראציע, צעשפרייט זיך עס זייער שטארק און צומאל אויך זייער שנעל, ווענדט זיך אלעס אינעם רבונו של עולם.

א טאג נאכן אהיימקומען, קלינגט מיר מיין מאמע און זי זאגט מיר אז די ביאפסי רעזולטאטן זענען צוריקגעקומען, און די תשובות זענען נישט גענוי וואס מיר האבן געהאט געטראכט, אבער עס איז עפעס אנדערש... נאכדעם וואס איך האב איר געזאגט אז זי קען רואיג רעדן אפן, האט זי מיר געזאגט אז עס איז די מחלה רח"ל און עס איז ממאיר, דאס הייסט אז עס קען זיך גאר שטארק און שנעל צעשפרייטן רח"ל.

דאן האט זי מיר דערציילט אז בהשגחה פרטית איז געלונגען מיר צו באשטעלן אן אפוינטמענט ביי א גרויסער עקספערט וואס קומט אריגינעל פון אויסלאנד, און היינט ארבעט זי דא אין ארץ ישראל, און זי איז אויסטערליש באקאנט מיט אט דעם ספעציפישן דורכגאנג וואס איך האב. די מחלה וואס איך האב, איז א זעלטענע



ציון הקדוש פון הרה"ק מברסלב זי"ע אין אומאן

**ענדליך זענען מיר אנגעקומען קיין אומאן, וואו איך האב זיך געטראפן שטיין ביים ציון פונעם זיידן און געבעטן ביים רבונו של עולם, "איך וויל זיין בשמחה און איך וויל דורכגיין די גאנצע תקופה אן קיין עצבות**

מחלה וואס בלויז צוויי דריי מענטשן אין דער וועלט האבן עס א יאר.

## וואונדער אדער א נס?

א טאג דערויף בין איך שוין געווען ביי דער דאקטער. מיר זענען געווען דארט אין צימער דריי מענטשן, איך, מיין ווייב און מיין מאמע, און די דאקטער גיבט מיר א זאג: "וואונדער איבער וואונדער, נארמאל ווען איינער האט די סארט מחלה אויף דעם פארנעם, גייט עס גאר שנעל אריין צו די לונגען, לעבער אא"וו, אבער ביי דיר גייט עס נישט אין ערגעץ! עס איז געבליבן אין רוקן און דארט זיצט עס!

"עס איז אינטערעסאנט אז דאס איז אזוי", האט די דאקטער, א פרייע פרוי, צוגעלייגט. האב איך איר צוריקגעזאגט: "עס איז נאר אינטערעסאנט? עס איז נסים! עס איז נסים! קוק וואס דער רבונו של עולם מאכט מיט אונז!".

איך האב געזאגט פאר דער דאקטער אז וויבאלד איך וועל דאך בעז"ה אויסגעהיילט ווערן בקרוב, און סה"כ זענען פארהאן בלויז צוויי דריי מענטשן אויף דער וועלט וואס פארמאגן די סארט קרענק, וועט די שטודיע אנצייגן אויף דער סארט מחלה אז פופציג פראצענט ליידנדע פון דעם קרענק ערהוילן זיך דערפון!...

ווען די דאקטער איז ארויס און אונז

איבערגעלאזט אליין זיך איבערצושמועסן, האב איך געזאגט פאר מיין פרוי און מיין מאמע, "עד כאן דברי הרופא! ענק האבן דאך יעצט געהערט אז אפילו 'זיי' זאגן אז דער מצב איז נישט דאס ערגסטע, אין אנדערע ווערטער, די חכמת הטבע – חכמת הרפואה זאגט, אז די מחלה איז נישט אין די האקלסטע פלעצער אדער אויף א שרעקליכן אופן. אבער אפגעזען וואס חכמת הטבע זאגט, זענען מיר אידן, מיר ווייסן אז עס איז דא א באשעפער, עס איז דא א תורה, תפילה, אמונה און התחזקות, און מיר ווייסן אז ביים אויבערשטן שטימט אלעס און אלעס איז לטובה. ממילא עד כאן דברי הרופא – מכאן ואילך קוקט מען נישט אויף וואס זיי זאגן מער, דאקטוירים האבן ליב [illegible] רעדן, עס איז אהער עס איז אהין, ע[illegible]

איך האב יעדן טאג א קביעות'דיגער מנין און א קביעות'דיגער פלאץ, און איך האב געזאגט פאר די מתפללים אז איך האב א שטיקל בשורה, און דאס איז אז איך האב שוין נישט קיין האָר און איך גיי מיט פאלשע, אבער ביים דאווענען קען איך נישט גיין דערמיט. עס וועט נעמען עטליכע טעג פאר ענק זיך איינצוגעוואוינען דערמיט, אבער נאך דריי פיר טעג וועלן ענק בכלל נישט כאפן אז עפעס גייט פאָר. אויב מאכט עס ענק לאכן וויאזוי איך קוק אויס, קענען ענק לאכן, שעמטס ענק נישט. עס קען ענק אדער מאכן לאכן, אדער מאכן אומבאקוועם, אבער איך בעט אייך געוואוינט ענק צו דערצו.

די פאלשע האָר זעט אויס ממש אמת'דיג, און ענדלט כמעט הונדערט פראצענט צו די האָר וואס איך האב געהאט אריגינעל. פארוואס זאג איך עס? ווייל איך נוץ עס פאר א משל. ווען מענטשן זאגן מיר 'דיין האָר זעט אויס עכט – עס איז פונקט די זעלבע', זאג איך זיי, אז דער יצר הרע איז גלייך צו דעם. דער יצר הרע גייט אויך מיט פיאות, גרויסע ריזיגע פיאות, א גרויסע ריזיגע בארד, א בעקיטשע, אבער ער איז פשוט א שקרן, עכט זעט ער אויס ווי א בר מינן, עכט זעט ער אויס ווי א שייגאץ, א נישט-איד, אבער ער טוט זיך אן פאלשע פיאות.

דער רבי זאגט, אז דער גרעסטער יצר הרע איז דער יצר הרע וואס איז זיך מלבש אין מצוות, ווייל דער יצר הרע וואס קומט הייסן טון עבירות, איז גרינגער נישט צו פאלגן, אבער דער פרומער יצר הרע, ער איז אסאך ערגער. אזוי מיט זיינע פאלשע פיאות און פאלשע לבושים גייט ער נאך יעדן איד פיר און צוואנציג שעה א טאג אין יעדן ווינקל פון דער וועלט. ער גייט מיט יעדן איד אין שול, און אויפן גאנצן וועג מוסר'ט ער: 'קוק זיך אן, קוק ווען דו ביסט אויפגעשטאנען, ביסט דאך אזא דפוק, אזא שלימזל, דו ביסט גארנישט ווערד'... ער גייט מיט יעדן איד פיר און צוואנציג שעה, זיבן טעג א וואך, ער איז זיך נישט מייאש, ער איז נעבן אונז ביי נשמת, א איד וויל זאגן א ווארעמע נשמת אבער דער בעל דבר איז דא, ער פרובירט מיט אלע כוחות דיר צו דערווייטערן פונעם רבש"ע, און ער גייט גאר מיט פיאות!

נאך א זאך וואס איך האב געזען פון מיין שייטל איז, אז איך האב געהאט געקלערט אז ווען דער יצר הרע וועט קומען צו מיר, וועל איך געבן א טו אויס מיין שייטל, און דער יצר הרע וועט זיך אזוינס דערשרעקן און ער וועט אפיאָגן!... אבער וואס-ווען-וואו? דער יצר הרע האט זיך נישט דערשראקן! דער יצר הרע דערשרעקט זיך נישט פון גארנישט. גארנישט אינטערעסירט אים נישט. איין זאך דערשרעקט יא דעם יצר הרע, און דאס איז שמחה. שמחה, נאך און נאך שמחה, דאס דערשרעקט אים.

**דער רבי זאגט, אז דער גרעסטער יצר הרע איז דער יצר הרע וואס איז זיך מלבש אין מצוות, ווייל דער יצר הרע וואס קומט הייסן טון עבירות, איז גרינגער נישט צו פאלגן, אבער דער פרומער יצר הרע, ער איז אסאך ערגער**



א ווערטל מעג מען דאך אויך זאגן, מען דארף זיך האלטן בשמחה. איך בין זייער פרייליך אז איך האב פארלוירן מיין האָר, דו ווייסט פארוואס? ווייל איך בין א ירושלים'ער במקור, און אין ירושלים האט מען ליב זיך צו שפּאָרן. זייט איך האב נישט קיין האָר, שפּאָר איך זיך די קאסטן פון א שערער...

אויך קען איך יעדן חודש זאגן קידוש לבנה. מיר מאכט נישט אויס צי עס איז פארוואלקנט אדער עס איז רעגנדיג, איך האב אויף מיין קאפ א פולע קלארע לבנה, וואס שיינט...

אויך האב איך נישט קיין דאגה פון לייז. מענטשן ליידן דערפון אסאך. איך האב דאס נישט...

איין זאך קיצלט מיר יא אביסל, ווייל ווי נישט ווי איז מיין קאפ אן אפענער שטח, און דא אין ארץ ישראל ווייסט מען אז רוב באמבעס פאלן אויף אפענע שטחים..., אבער איך בין פון דעם אויך נישט באזארגט ווייל איך האב דאך דעם כיפת הברזל, מיין גרויסער קאפל, וואס באשיצט מיר...

ערנסט גערעדט, השם ירחם... איך מאך נישט אוועק די שוועריקייט, אבער דאס קען איך דיר יא זאגן, אז איך האב נישט געגלייבט וויפיל כוחות דער

עס איבערגעדרייט פאר א געשמאקער איבערלעבעניש.

עס איז פשוט וויאזוי דער מענטש נעמט עס אין מח. דער הייליגער רבי נחמן זאגט גאר אסאך דעם געדאנק "להפוך את היגון ואנחה לשמחה", און דער רבי ברענגט א משל, זעסט א רינג פון מענטשן וואס טאנצן און שפרינגען, און א טרויעריגער מענטש זיצט זיך אין דער זייט אזוי צעקלאפט, וואס זאלסטו טון מחזק צו זיין דעם צעבראכענעם מענטש?, רעד נישט צו אים איבער דער הארבקייט פון טרויער, נאר שלעפ אים אריין צו טאנצן מיט אלעמען! אין דער סעקונדע וואס דו שלעפסט אריין דעם מענטש אינעם ראד צו טאנצן, האסטו אריינגעברענגט דאס עצבות אל תוך השמחה! האסט פארוואנדלט די יגון ואנחה צו שמחה! הפכת מספדי למְחו"ל לי.

מיט אט דעם יסוד פונעם רבי'ן, דארף מען זיך מחזק זיין. אנשטאט צו לעבן מיט דעם נסיון און טראכטן בלויז פון די שוועריקייטן, דריי איבער דאס עצבות צו שמחה. נעם דעם נסיון זיך אויפצוהייבן. דאס איז געזאגט געווארן אין יעדן נסיון אין לעבן.

## דער מעמד 'החאלאקע' אין כולל

צוויי וואכן נאכן הערן די בשורה פונעם דאקטער איבער די האָר, האט צוביסלעך טאקע אנגעהויבן ארויספאלן די האָר. עס האט נישט געגעבן א פאל ארויס אויפאיינמאל, עס האט זיך אביסל געשלעפט, אבער נאך דריי וואכן, געווען איז עס אין א פרייטאג ערב שבת קודש נאך דער מקוה, האב איך געהאלטן מיינע צוויי לאנגע געקרייזלטע הייליגע פיאות אין מיינע הענט...

איך וויל דיר זאגן, אז דער אויבערשטער האט מיר געגעבן פעסטע אייזערנע כוחות עס דורכצוטראגן, און עס איז מיר געווען גרינג בשעת מעשה. מענטשן זענען געווען צעטומלט און נישט געוואוסט וויאזוי צו רעאגירן, אבער איך בין געווען רואיג און שטארק, איך האב גלייך אנגעטאן דעם שייטל און געלייגט די פיאות אין א זעקל.

נאך א נקודה, מענטשן פרעגן מיר וויאזוי איך באווייז צו זיין פרייליך און רואיג, מיין תשובה איז אז 'איך' פערזענליך קען יעדע סעקונדע קראכן און אונטערגיין, עס איז נישט 'איך', עס איז דער באשעפער וואס געבט מיר די כוחות זיך צו שטארקן און אנגיין.

זונטאג בין איך געקומען אין כולל מיט א גרויסן לחיים פון בראנפן מיט לקח, 'איך האב חאלאקע!' איז געווען דא... אנטווארט. איך האב גענוצט די עצה פ... רבי'ן, אנשטאט צו קלאגן אז די... די האר זענען מיר ארויסגעפא... געברענגט לחיים און געמאכט דע... פרייליכע געשעעניש, א חאלאקע! יעדער האט געטרינקען און געוואונטשן לחיים אז ברוך ה' איך האב נייע פיאות.

## יישר כח אויבערשטער אז מיין אמונה איז מיר נישט ארויסגעפאלן!

דאן האב איך געזאגט פאר מיינע חברים, "איך דאנק און לויב דעם באשעפער אז נאר מיין פיאות איז מיר ארויסגעפאלן, און נישט מיין אמונה איז ארויסגעפאלן! וואלט איך חס ושלום געווען א גוי, וואלט מיר ארויסגעפאלן נישט נאר די האָר, נאר די גאנצע אמונה וואלט מיר ארויסגעפאלן. ברוך ה' אז איך בין א איד, און עס איז מיר נישט ארויסגעפאלן די אמונה, עס איז מיר נישט ארויסגעפאלן די התחזקות בהשם יתברך, עס איז מיר נישט ארויסגעפאלן די שמחה".

שטעל זיך פאָר איך גיי אין מקוה יענעם פרייטאג, און פלוצלינג באָטשששש... די גאנצע אמונה איז מיר ארויסגעפאלן, די גאנצע שמחה איז אוועק פון מיר, ווי שרעקליך וואלט דאן געווען, סך הכל איז נאר די האר ארויסגעפאלן.

דו ווייסט וואס עס מיינט צו זיין א איד? איך בין געווען איינמאל אין שפיטאל, און געזען א נישט-איד וואס איז אריבער א צרה, ער האט אזוי געקלאגט און אזוי געוויינט, אויפן קול האט ער זיך אזוי אראפגעקלאפט. וואס ווייסט דען א נישט-איד? אפילו אויב ער גלייבט אז דער רבונו של עולם פירט די וועלט, האט ער אבער נישט די תורה, ער ווייסט נישט וואס עס מיינט זיך מחזק זיין, ער ווייסט נישט וואס דאס מיינט גם זו לטובה.

עס האט זיך בעצם געשאפן נאך פרישע זאכן נאכדעם וואס די האר איז ארויסגעפאלן, א שטייגער ווי אז ביים דאווענען שחרית מוז איך אויסטון דעם שייטל ווייל עס איז א חציצה פאר די תפילין. דא האב איך ווידער געקענט זיך אויסקלייבן וואס צו טון, אדער אריינגיין אין א געוואלדיגן דיפרעסיע און זיך באהאלטן יעדן טאג אין אן אנדערן ווינקל ביים דאווענען, אדער... טון צו דער זאך.

...קלאגן אז די פיאות און די האר זענען מיר ארויסגעפאלן, האב איך געברענגט לחיים און געמאכט דערפון א פרייליכע געשעעניש, א חאלאקע! יעדער האט געטרינקען און געוואונטשן לחיים



התבודדות מיינט נישט דווקא אז זאלסט נאר שרייען צום באשעפער מיט קולות, "טאטע, טאטע", נאר עס מיינט אויך אז דו זאלסט זיך אויסשמועסן מיט'ן באשעפער אלעס, זאג אים ווי שטארק דו ווילסט אים יא, און ווי שטארק דו האסט געשפירט איבערן טאג א נסיון אוועקצוגיין פון אים, אלעס רעד מיט אים.

ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו לעבן מיט התבודדות, קען ער גרינג זיך צוגעוואוינען צו לעבן מיט'ן יעצט, און ווערן א מסודר'דיגער מענטש וואס מישט נישט אויס דעם סאלאט פון עבר, הוה, עתיד. עס נעמט אראפ די זארגן פון דער צוקונפט.

רבי נחמן זאגט, עס איז דא אן ענין שהכל מתהפך לטובה, אלעס איז גוט, יעדער מענטש מיט 'זיין' התבודדות קען אלעס איבערקערן צו גוט. אבער ווי זאגט מען? בעתו ובזמנו! יעדע זאך איז אין זיין צייט, עס איז געווען עבר, עס איז יעצט הוה, און עס גייט זיין עתיד.

■ **וואס טוט מען אבער בשעת מען גייט אריבער א נסיון און מען שפירט אז די 'הוה' איז שווער?**

קען איך אייך זאגן אן עצה, און איך שרייב אונטער ערבות דערויף, אז אין דער דאזיגער סעקונדע וואס דער מענטש האט א שווועריקייט, זאל ער אריינאטעמען און אריינטראכטן אין די ווערטער "הטוב כי לא כלו רחמיך, והמרחם כי לא תמו חסדיך", און זיך מתבונן זיין אין די ווערטער. מען רעדט דא פון דעם גרויסן באשעפער וואס באשעפטיגט זיך יעצט מיט המרחם, ער גיסט רחמנות אויף אונז. דער סדר איז, אז ווען מען רעדט פון א גרויסן גביר זאגט מען 'דער גרויסער גביר', 'דער מולטי-מיליאנער', די זעלבע איז דא, דער פסוק זאגט 'הַטוב – דער גרויסער גוטער, 'הַמרחם – דער גרויסער מרחם מיטן ה"א הידועה, דער גרעסטער מרחם אין דער וועלט און דער גוטער רבש"ע איז – לא תמו חסדיך, עס גיסט זיך חסד פון אים, אלעס וואס ער מאכט איז חסד, און דער אויבערשטער איז זיך אייביג מרחם אויף דיר, דער אויבערשטער וויל דיר און ער געבט דיר כוחות עצומות, שטארקע כוחות זיך צו שטארקן, נוץ די כוחות!

מען דארף פארשטיין א געדאנק, אויב א מענטש וועט אנהייבן מאכן התבודדות וועט ער סיי זען אפענע ישועות און סגולות גדולות, אבער אויך דאס עצם רעדן מיטן אויבערשטן איז די ישועה אליין. יעדער ווייסט אז שלום בית ליגט אין רעדן מיט'ן מויל, מען מוז נוצן קאמוניקאציע צו קענען האבן א שטוב. די זעלבע איז מיט התבודדות.

עס איז אמת אז מען קען בעטן אלע בקשות ביי שמונה עשרה, אבער באטראכט וויאזוי עס גייט צו א געזונטע שלום בית, שטעל זיך פאר אז די גאנצע שלום בית איז געבויט אויף אזא סארט מהלך וואו דער מאן זאגט פאר דער פרוי 'מאך מיר א קאווע', 'גיב מיר פרישטאג', דערנאך זאגט ער איר 'יישר כח', 'גיב מיר, יישר כח', 'גיב מיר, יישר כח', איז עס דען גענוג? הייסט דאס אז זיי האבן א געזונטן קשר? א שטוב דארף דאך צוגיין מיט א געזונטער קאמוניקאציע איינער צום אנדערן.

די זעלבע איז צווישן א מענטש מיט'ן באשעפער, רעד מיט אים נישט בלויז בקשות און הודאות, נאר דערצייל אים אלעס, "רבש"ע, איך וויל דיר דערציילן וויאזוי עס איז אריבער אויף מיר דער שבת", "רבש"ע איך וויל דיר דערציילן ווי שווער עס איז מיר", דער רבש"ע האט ליב דאס צו הערן. דער גאנצער ספר תהלים איז דאך געבויט אויף דעם, איין שטיק התבודדות. און ווער עס וועט דאס טון וועט סיי האבן א גליקליך לעבן, זיינע טעג וועלן זיין זיס און געשמאק, אבער אויסערדעם וועט ער האבן א געזונטן קשר מיט'ן אויבערשטן, און וואס איז




גרעסער פון דעם ווי האבן א קשר מיטן אויבערשטן!

א יונגערמאן האט מיר דערציילט אז ער האט געהאט זייער א שווערן דורכגאנג, און אויטאמאטיש איז ער געווארן אנגעזעצט און געלאפן צו גוט באצאלטע פסיכאלאגן, אבער דאן האט ער זיך געטראפן סיי אנגעזעצט און סיי אן קיין געלט...

אינצווישן איז ער געוואויר געווארן פון דער מתנה פון התבודדות, און עס איז אים געווארן ליכטיג פאר די אויגן. ער האט פאר וועמען זיך אויסצורעדן אלע זיינע פראבלעמען, ווי רבי נחמן זאגט אז מען זאל רעדן באשעפער און אים אלעס דערציילן אזוי ווי פאר א גוטן חבר, און אזוי האט ער געשאסן צוויי פייגלעך אין איין שאס, ער איז צוריק געווארן בשמחה און עס האט אים נישט געקאסט קיין איין פעני.

## די שרעקעדיגסטע מחלה איז עצבות

צום שלוס איז וויכטיג צו ארויסצוברענגען, אז עס איז דא א מחלה וואס איז אסאך שרעקעדיגער און ערגער ווי די מחלה וואס איך האב, און דאס איז די קרענק וואס הייסט עצבות. עצבות איז נישט סתם שלעכט, נאר פיל פיל ערגער ווי יענע מעשה. עצבות איז א שרעקעדיגע שווערע מחלה, און עס איז די טבע פון א מענטש – ווי דער רמב"ם זאגט – צו ציען צו עצבות. ווען א מענטש שלעפט זיך צו שמחה, דאן גייט ער ארויס פון אלע מחלות. רבי נחמן זאגט, אז אפילו די חכמי הרופאים זאגן אז שמחה היילט אויס. זיי פלעגן שוין דעמאלט זאגן אז א מענטש דארף אכטונג געבן אויף מאראל און שמחה.

די טבע איז, אז נאכן אריבערגיין א באהאנדלונג, נעמט מען זיך איבלען זייער שטארק. ווען איך בין זיך אבער מחזק מיט שמחה, גייט אלעס אוועק, ווייל אלע קרענק און אלע יסורים איז געוואנדן אינעם דעת. אויב אין מח איז מען פריילך, אינעם דעת איז מען געזונט, מען איז זיך כסדר מתבודד, ווערט דער גאנצער מענטש געזונט.

איך גיי אריבער באהאנדלונגען, וואס איך האף אז בקרוב זאל מען שוין קענען אראפגיין פון דעם, ב"ה אז אסאך אידן זענען זיך מחזק דורכדעם, מענטשן זענען זיך מחזק לרפואתי, און איך אליין בין זיך מחזק. איך ווער נתפעל צו זען וויאזוי יעדער איינער געבט זיין הארץ פאר מיר. פלוצלינג, ווען מען גייט אריבער אזא זאך, זעט מען ווי שטארק עס איז דא חסד אויף דער וועלט, ווי שטארק מענטשן האבן באמת ליב צו העלפן, ווי שטארק מענטשן האבן ליב צו געבן. עס איז דא ביי אונז אזויפיל חסד, איך האב עס אמאל אויך געוואוסט, אבער נישט געוואוסט עד כדי כך, מיט וויפיל חסד אידישע קינדער פולן אן די גאנצע וועלט, עולם חסד יבנה!

איך האב געגעבן די אינטערוויו ווייל איך וויל אז נאך אידן זאלן דאווענען פאר מיר, חיים יצחק בן חנה רבקה, יעדע תפילה קלויבט זיך צוזאם. איך זאג פאר מענטשן אז ווען דו געבסט א שמייכל, א פרוטה לצדקה, דו האלטסט זיך איין פון כעס, טו עס לזכות חיים יצחק בן חנה רבקה.

איך מוז ענדיגן דעם שמועס מיט א הודאה להשי"ת אויף די געוואלדיגע נסים ונפלאות וואס דער באשעפער מאכט מיט מיר יעדע סעקונדע. איך פיל היינט ב"ה אסאך אסאך בעסער, חסדים ורחמים פונעם באשעפער. איך בין זיכער אז די פאלשע פיאות וואס איך טראג יעצט, וועט נאך זיין מיין פורים-פארשטעלאכץ אינעם יום טוב פורים ווען איך וועל זיין הונדערט יאר אלט! אי"ה.

איך גלייב באמונה שלימה, אז איך וועל בעז"ה זיין געזונט און שטארק, און איך וועל ווייטער ממשיך זיין זיך מחזק צו זיין, און זיך אנפולן מיט אמונה און שמחה. אלעס וואס איך גיי אריבער איז א מתנה פונעם באשעפער, און דער באשעפער קען יעדע רגע אוועקנעמען פון מיר די מחלה, אלעס איז ברחמים וחסדים גדולים מאד. דער אויבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן זיך אויסלייזן פון אלע מחלות, און אלע וואס גייען אריבער די שווערע מחלה זאלן זיך שוין ארויסדרייען פון דעם בקרוב ממש, אמן. ■

